# בריוו פֿון ברוקלין-הײַטס (רעפּאָרטאַזש)
# רעדאַקציע

לאָמיר באַקענען זיך מיט אַ פּאָר אַפּיקורוסישע חסידישע יונגעלײַט.

איך בין פֿאַרבעטן געוואָרן אויף אַ שבת-סעודה אין ברוקלין-הײַטס פֿון מײַן פֿרײַנד יעקבֿן – אַ גאַסט אין שטאָט — אַ געוועזענער חסיד, ניגונים-לערער, און צומאָליקער פּיצע-יִינגל וואָס וווינט אין סאַוט-בענד, אינדיִאַנאַ.

איך קום צו פֿאָרן פֿאַר שקיעה מיטברענגנדיק אַ פֿלעשל ווײַן. רחל, אַ דײַטשקע אינעם ייִוואָ-זומער-פּראָגראַם, זאָגט בתּורות ברוך-הבא, "זײַ מוחל, נאָר כ'בין סטאַנד." זי האָט זיך אויסגעלערנט ייִדיש דורכן צוהערן זיך צו קול-ישׂראל אויף איר קורצכוואַליעדיקן ראַדיִאָ אין בערלין, און אַרבעט איצט ווי אַ קעלנערין.

איך וואַרט אויף די אַנדערע געסט. זיי האָבן אַלע אַ סך בשותּפֿות: עקס-אַ (פֿאַר אַרטאַדאָקסיש), ייִדיש-רעדערס, בקי אין די שוואַרצע אותיות (און טייל למדנים אין חכמות-יוון אויך), אַרבעטלאָזע, און אומצופֿרידן. אויף ייִדיש רופֿט מען זיי אַפּיקורוסים. אויף ענגליש וואָלט מען זיי גערופֿן סלעקערס.

בשעת די געסט קומען צו גיין צו ביסלעך, זיצן אַ פּאָר פֿון אונדז אין וווינצימער. דעם קטורת [מאַריכואַנאַ] פֿאַרטיילט מען. יודל, וואָס איז שטענדיק "היי" [פֿאַרטויבט], רעדט מיט התלהבֿות וועגן דעם נעכטיקן באָב דילען – פּאָל סײַמאָן קאָנצערט. ""דער באָקסער' איז אַן אמת חסידיש ליד", טענהט ער. דורכן שײַכות-הפּרשת מוזיק-פֿאַרווײַלונג-פֿרומע פֿאַרווײַלונג קערט זיך די טעמע אויף "האַנדל ערלעך", אַ חסידישער ווערסיע פֿון ברעטלשפּיל "מאָנאָפּאָלי": "דו טראָגסט אַ פֿאַרשטײַט רויט קליידל. צאָל פּופּצן דאָלאַר." "איר קוקט טעלעוויזיע. גייט אין גיהינום. גיי נישט אַריבער 'גאָ'."

דער עסצימער פֿילט זיך אָן. איינער הייבט אָן צו זינגען "שלום-עליכם"; טייל מענטשן זינגען מיט, נאָר ס'זײַנען דאָ אַ פּאָר דערשטיקטע קרעכצן, און אַ סך אויגן קײַקלען זיך אַרויף אויף אַ סאַרקאַסטישן אויפֿן. מענדל, פֿון אַ וויזשניצער משפּחה און אַ סטודענט בײַם ניו-יאָרקער אוניווערסיטעט, הייבט אָן צו מאַכן קידוש, בשעת ישׂראל-מאיר, וואָס אַרבעט בײַם ברוקלינער עפֿנטלעכן ביבליִאָטעק, זאָגט, "אוי, גאָט, כ'קען דאָס נישט דערלײַדן" — דאָס הייסט קידוש, וואָס ער קען נישט פֿאַרטראָגן, צוזאַמען מיט יעדן זכר פֿון פֿרומקייט.

קיילעב מאַכט המוציא. טאָמער דו דרייסט זיך מיט ייִדישיסטן איז קיילעב זיכער דיר באַקאַנט. זײַן הילוך איז אַ סטײַלישער, ווי אַרויס פֿון אַ פֿילם פֿון די 40ער (ווײַסע שיך, ווײַסער אַנצוג, דיק, שוואַרץ-גערעמטע ברילן), רעדט און שרײַבט אַ פּרעכטיקן ייִדיש, און איז אַ גוי גמור אויףביידע זײַטן. נײַן מיט אַ האַלב פֿון צען אַמעריקאַנער ייִדן וואָלטן נישט געקענט מאַכן המוציא מיט זײַן זיכערקייט.

עס קומט אָן בערל, אַ הויכער, מיט דינע ביינער און דעם זכר פֿון אַ באָרד, און הייבט אָן אַ מעשׂה וועגן זײַן כלאַמרשטיקער פּראָפֿעסיע: טעראָריזם פֿון דער ווײַטנס, אונטערשטיצן דיקטאַטאָרן, קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, און יעדן איינעם וואָס האַלט אוף דעם סטאַטוס-קוואָ. ער איז קלוג און ציניש אויפֿן ניהיליסטישן שטייגער: "דער דאַליי לאַמאַ איז ערגער פֿון די כינעזער, אַנדערש ווי וואָלט ער געקענט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און דערלויבן אַז מיליִאָנען זאָלן אים האַלטן פֿאַר אַ גאָט?"

בנימין – אַ לאַנגהאָריקער, אַ שלעפּער, אַ זשעסטיקולירנדיקער עקצענטריק – איז פֿאַצסינירט פֿון די ווערק פֿון עליִאַס קאַנעטי (דעם נאָבעל-פּרעמירטן אין ליטעראַטור וואָס איז געבוירן געוואָרן בײַ אַ לאַדינאָ-רעדנדיקער משפּחה אין בולגאַריע) און באַזונדערש זײַן בוך "מאַסן און מאַכט". אויף אַ הויך-געשטימטן, אויפֿגערעגטן קול, ווי יודל אין עקסטאַז איבער דילאַן, הייבט ער אָן חוזק צו מאַכן פֿון די ישיבֿה-בחורים וואָס קערן זיך ערשט אום פֿון פּראָטעסט-מאַניפֿעסטאַציעס אין ברוקלין צי ירושלים: "עס זײַנען געווען טויזנטער ייִדן! טויזנטער ייִדן!" חיים, ווי בנימין נאָר מער צוריקגעהאַלטן, מיט אַ נטיה צו פּרעפּיקייט, באַמערקט, "יאָ — פּונקט ווי אויף אַ יענקיס-גיים."

זאָגט בערל וועגן קאַנעטין, "ס'זײַנען דאָך אַזוי אַלע רעליגיִעס — אַ מורא פֿאַר טויטע: די רביים, די גדולים. מע נעמט אַזאַ מורא און רופֿט אים אָן טראַדיציע."

איינע לייגט פֿיר אַ דעבאַטע אויף דער טעמע צווישן בערטראַנד רוסעל ע״ה און דעם ליובאַוויטשער רבין ז״ל; דאָס דערפֿירט צו אַ שמועס וועגן אַן אַדווערטײַזינג-קאַמפּאַניע פֿאַר סמירנאָף-וואָדקאַ, וואָס דער רבי האָט נישט דערלעבט צו אינדאָרסירן.

דער שמועס צעשפּאַלט זיך. בנימין הייבט אויף דעם קאָצקער, דעם חסידישן רבין וואָס מע האַלט זײַן פֿילאָסאָפֿיע פֿאַר אַ פֿירקומער פֿון עקזיסטענציִאַליזם. וואָס איז געשען יענער נאַכט, די נאַכט פֿאַרן קאָצקערס צוואַנציק-יאָריקן התבודדות? נישט שוין זשע האָט דער קאָצקער אַ וואַרף געטאָן זײַן שטרײַמל אויף די שבת-ליכט מיט דער כּוונה זיי זאָלן פֿאַרלאָשן ווערן (״ס׳איז לית דין ולית דיין״, האָט ער געדאַרפֿט זאָגן) — אָדער איז ער סתּם משוגע געוואָרן, און די גאַנצע מעשׂה איז אַן אויסגעטראַכטע פֿון שפּעטערע שרײַבער?

בערל האַלט אַז אויב דאָס שלאָפֿן איז אַ זעכציקל פֿון טויט, און שלאָפֿן איז אַזוי גוואַלדיק, מוז דער טויט זײַן אַ גרויס פֿאַרברענגען. ״אַלץ וואָס פֿעלט מיר אין לעבן״, מאַכט ער, ״איז אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן און אַ ביסל ניקאָטין. אַלץ וואָס אין גמרא איז נאַרישקייט.״

ווען די ייִדן זאָלן האָבן אַן אַרבעט, צי זאָלן נאָך האָבן אַ פֿאַרבינדונג צו אַ קהילה, וואָלט זייער ציניזם געווען עפּעס מילדער. אָבער פֿון דער אַנדערע זײַט: דער אַמעריקאַנער ייִדישער עסטאַבלישמענט וויל דאָך פּונקט אַזעלכע ייִדן, אַזעלכע נישט אַזוי פֿרומע, ייִדישלעך געלערנטע ״עפּעס-צוואַנציקער און -דרײַסיקער״? אַ גרופּע וואָס קען הנאה האָבן פֿון אַ שבת-סעודה פֿרײַטיק צו נאַכטס מיט קידוש און המוציא און רעדן אינטעליגענט אין איין צײַט וועגן חסידיזם, קאַנעטי, און געאָפּאָליטיק? דער ייִדישער המשך וואָלט געהאַט אַ קיום (די אַלע חבֿרים זײַנע זײַנען ייִדן, זייער רעפֿערענץ-גרם איז אַ ייִדישע) נאָר זיי באַוועגן זיך פֿרײַ אין דער נישט-ייִדישער געזעלשאַפֿט, מענטשן אויף דער גאַס און ייִדן אין שטוב.

איך לאָז זיך נאָכן ברוקלינער בריק אויפֿן וועג אַהיים קיין מאַנהעטן, ווו דאָס זײַן אַן אומצופֿרידענער ייִד מיינט עפּעס גאָר אַנדערש.